שמואל:  אין דען דאס ניט שאן גישעהן אין בית שני.

צוואר נחמיה האט דאצו מאל דיזע תפילה געטהון, און גאט האט אויך אן גיפאנגען, דיא פארשפרייטע צו פארזאממלען, ווייל נחמיה, און אנדערע יראי שמים, האבען תשובה געטהון. אבער ווייל איהרע וויינינ זאלכע תשובה בעשטענדיג געטהון האבען, קאן מאן ניט זאגען דאס אלע דיא דבורים געגצליך דאמאלס ערפילט ווארען. מאן זאגען מיר דאך, וויא האט דען דאמאלס גאט ישראל מעהר פארמעהרט, מעהר פון זיינע עלטערן? און וויא האט ער איהנען מעהר גוטעס געטהון? ווארין ניט דאמאלס דיא צייטען אין בעצווינגניס, "ובצוק העתים." דניאל ט', כ"ה. דא דיא שטראסען און דער גראבען ווידער אויפגעבויעט ווארען. ווארען זיא ניט אין שעבוד מלכות אחרים דיא זעלביגע מייסטע צייט? ערשטליך אין שעבוד מלכי פרס, דערנאך אין שעבוד יונים. און באלד דרויך אין שעבוד רומיים און אונטער הורדוס און זיינע קינדער; איז  ניט דרויף חרבן בית געשעהין? עס האט אבער דער רוב גור שלעכטע תשובה געטהון, אין צייטען פון בית שני. און דיא דא האבען דאמאלס רעכטע תשובה געטהון, דיא האבען דאך בעולם הזה פיל צרות געליטען, דאס זיא ערשט בעולם הבא איהר גוטעס אפענבארליך געניסען זאלען. אבער איבער דיא אנדערן, דיא ניט האבען תשובה געטהון בכל לב, איז דער צארן און פלוך געקומען מיט אום בארמהערציקייט, דרום איז געוויס צו קינפטיג, דאס הש"י ווערט בעשניידען דיא הערצער דעס זאמען ישראל, און זיא ווערדען האלטען אלע זיינע געבאטע, און גאט ווערט איהנען גוטעס טהון, און אלע זיינע ווארטע ערפילען דיא ער געזאגט האט דורך זיין קנעכט משה.

שמואל:  דיא גלחים זאגען משיח זייא געקומען אין בית שני און דא האט גאט דעם פאלק גוטעס געטהון, מער וויא איירע עלטערן. אבער זיא העטען איהן ניט אנגענומען. און קיינע רעכטע תשובה געטהון, דארום איז דאס חרבן בית שני געשעהען.

מנחם:   אדרבה, היער זאגט משה רבינו ע"ה צו כל ישראל, דאס פאר שטרייט איז ווארען "ומל ה' אלהין את לבבך וגו'." און גאט דיין גאט ווערט דיין הערץ בעשניידען, און דיא הערצע דיינעס זאמען, אום דען האר דיין גאט ליב צו האבען מיט דיינע גאנצע זייל, אום דאס דוא לעבסט. און גאט דיין גאט ווערט דיא פלוכען געבען אויף דיינע פיינדע, און אויף דיינע האסערס, דיא דיך גיאגט האבען; דאן ווירסט דוא ווידער קעהרען, און דער שטים גאטעס געהארזאם זיין וגו'. דאס זאגט ער, אלס ער האט גישפראכען, גאט ווירד דיר גוטעס טהון, און דיך מעהרין, מער וויא דיינע עלטערן; זיא האבען נון דאמאלס, אין בית שני, ניט רעכטע תשובה געטהון, און זייען ניט געהארזאם געוועזין, וויא קאן עס דען דאמאלס ערפילט זיין?

שמואל:  זיא זאגען, עס האבען דאך עטליכע תשובה געטהון.

מנחם:   זיא זאגען, אבער אליין פון וויניגען קייגען כל ישראל צו רעכנע, און משה רבינו ע"ה האט יוא גירעדעט תו

צבור ישראל, דיא אום איירע חטאים ווילען פארשטויסען און פארשפרייט ווארען.

שמואל:  נון איך זעהע דאס דיא זאך קלאר איז אין דער תורה. וויא פינדען מיר עס ווייטער אין נביאים?

מנחם:   אלזא פינדען מיר געשריבען אין ישעיה ב', "ושפט בין הגוים והוכיח לעמים רבים וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה." דאס איז טייטש, און ער וועט רעכטען צווישען דיא פעלקער, און ער וועט פיל פעלקער בעשטראפען, און זיא ווערין איהר שווערטער שלאגען צו שויפלען, און איהר שפיסען צו זיכעלס, עס וועט דאס איינע פאלק קייגען דען אנדערן פאלק קיין שווערט אויף הייבען, און זיא ווערין קיין שטרייט מעהר לערנען, וויא איז דען דאס אין צייט פון בית שני ערפילט. איז יוא עטוואס איין צייט לאנג שלום גיוועזען, זא איז עס דאך נימאלס אלזא בעשטענדיג געבליבען, און אירע שפיסען צו זיכעלס, און קיין שטרייט מעהר לערנען.

שמואל:  זיא זאגען דאס איז איירע אמונה מלמד דאס אונטער דיא אומות העולם איין יעדער מאנן זאל פריד האלטען, און ניט ווידערשטיין דעם איבעל.

מנחם:   עס רעדט אבער דער פסוק היר ניט זא וואול פון דער לערנונג, אלס פון דער טהאט. נון טהוען קוים דיא וויינינגסטען נאך דיזער לערנונג, נאך דעם סדר העולם, לערנען דיא אומות נאך אימער מלחמות, און איין פאלק היבט דאס שווערט אויף קייגען דען אנדערען פאלק, דאם האט ניט אויף געהערט אין צייטען פון בית שני, און הערט נאך ניט אויף, וויא קענין זיא נון זאגען, דאס אלעס שוין ערפילט זייא?

שמואל:  איך פערוואונדערע מיך זעלבסט וויא זיא דאס זאגען קענען.

מנחם:   געהען מיר ווייטער, און לעזען ישעיה י"א. פינדען מיר דאר פילע דינגע, דיא נאך ניט ערפילט זיין. י"א י"ב שטייט "והיה ביום ההוא יוסף ה' שנית ידו לקנות את שאר עמו אשר ישאר מאשור וממצרים ומפתרוס ומכוש ומעילם ומשנער ומחמת ומאיי הים, ונשא נס לגוים ואסף נדחי ישראל ונפצות יהודה יקבץ מארבע כנפות הארץ." דאס לעזען מיר אויף טייטש אלזא, דען עס וועט געשעהען צו דער זעלביגען צייט, דאס גאט צום אנדערן מאל זיינע האנד אן לאנגען וועט, אום ווידער צו ערווערבען דאס איבער בלייבזעל זיינעס פאלקעס וועלכעס וועט איבער געבליבען זיין פון אשור און פון מצרים און פון פתרוס און פון כוש און פון עלים און פון שנער און פון חמת און פון דיא אינזעלן דעס מערס, און ער וועט איין פאהנע ערהייבען צו דיא פעלקער, און ער וועט דיא פארשטויסענע פון ישראל פארזאמלען, און דיא פאר שפרייטע פון יהודה צו איין אנדער ברענגען פון פיער עקען דעס ערדרייכעס.

שמואל:  איז דען דיזע נבואה דאמאלס ניט ערפילט ווארדען, דא דיא יהודים לאחר שבעים שנה זענין אויס גלות בבל ווידער דעקומען?

מנחם:   אויס דעם גלות בבל זענען נור דיא יהודים ווידער געקומען, וועלכע צו מלכות יהודה געהערט האבען. איבער דיזער נבואה נאך, זאלען ניט אליין דיא פון מלכות יהודה ווידער פארזאמעלט ווערין, זונדערן אויך דיא נדחי ישראל, וועלכע צו מלכות ישראל געהערט האבען, נעמליך דיא עשרת השבטים, דיא אין אשור פארשטויסען ווארען. דאס אבער דיזעס לעצטע געשעהין זייא, און דיא י' שבטים ווידער פארזאמעלט ווארען, וועט נימאנד זאגען אדער בעווייזען קענין; עס בעווייזט מיר איינער אויך, וועט דיא נבואה ערפילט איז, דיא מיר היער ישעיה י"א, ט"ו, ט"ז, לעזין, "והחרים יהוה את לשון ים מצרים והניף ידו על הנהר בעים רוחו והכהו לשבעה נחלים והדריך בנעלים. היתה מסלה לשאר עמו אשר ישאר מאשור כאשר היתה לישראל היום עלתו מארץ מצרים."

שמואל:  דאס לעזע איך אויף טייטש, אויך וועט גאט דען שטראם דעס מערס פון מצרים פאר שניידען, און ער וועט זיינע האנט אויף הייבען קעגען דען באך דורך דיא שטארקע זיינעס ווינדעס, און ער וועט דען זעלביגען שלאגען אין

זיבען שטראמען, און ער וועט מאכען, דאס מען מיט שוך דאדורך וועט גיין; און דא וועט איין געבאהנטער וועג זיין פאר דאס איבער בלייבזעל זיינעס פאלקס, דאס איבער געבליבען וועט זיין פון אשור, גלייך אלס ישראל געשאה אם טאג אלס ער אויס מצרים אויף צאג.

מנחם: דא זיהט מאן יוא, ליבער ברודער, היער וועט דייטליך פארקינדיגט, דאס ישראל זאל מיט שוך, אדער מיט טרוקען פוס, דורך דען פארטרוקנעטען שטראם גיין, גלייך וויא אירע אבות דורך דאס ים סוף געגאנגען. נון היער וועט מיר קיינער, ער זייא זא איין מלומד וויא ער וויל, אויס דעם שורש בעווייזען קענען, דאס זאלכע הערליכע נבואה ערפילט זייא.

שמואל: דיא גלחים אבער זאגען, דאס דיזע נבואות מוסען ניט נאך דען בוכשטאב פארשטאנד גינומען ווערן, זונדערן גייסטליך.

מנחם: עס גילט ניט דאס מען היר איין גייסטליכען פארשטאנד ערדענקע. דען היער שטייט בפירוש, עס וועט איין געבאהנטער וועג זיין פאר ישראל, גלייך אלס ישראל געשאה, אם טאג, אלס ער אויס מצרים צאג. וועז מאן נון אין דיזער נבואה גייסטליכען פארשטאנד אליין אן נעמען קאנטע, זא מעכט מאן אויך יציאת מצרים, און בקיעת הים לייקנען, און אלע דיזע דינגע גייסטליך פאר שטיין. וואס וועט דא געוויס בלייבען אין כל התורה כולה? דרום איז אפענבארליך, דאס מאן אן העכסטע נאטוועינדיגקייט פון דעם פשט ניט אב גיין דארף, וויא אין דיזער נבואה קיינע נאטווענדיגקייט צו ערזעהען איז, פון דעם פשט אבצו וייכען.

שמואל: ברוך מזכיר נשכחות, איך האבע איין מאל געלערנט, דאס ונזערע חכמים האבען געזאגט, אין מקרא יוצא מידי פשוטו.

מנחם: אמת, אלזא איז נון דיזע נבואה נאך דעם פשט נאך ניט ערפילט, ממילא מוס זיא נאך לעתיד לבא ערפילט ווערין. איך פאר שוויג איצונד ישעיה י"ט, דא דער נביא זאגט פון איין גרןיסע פארוויסטונג מתרים, דא הקב"ה וועט מצרים שלאגען אוןווידער היילען, און זיא ווערין זיך צו איהם בעקעהרען פ' כ"ב. זיא ווערין גאט אן רופען פון וועגען דיא בעצווינגערס, און ער וועט זיא איין העלפער און איין מייסטער שיקען דער וועט זיא בעשערמען כ', דאס פינדעט מען אלזא ניט ערפילט וועדער אין צייט פון בית ראשון, נאך אין צייטען פון בית שני, און אויך ניט דערנאך, עד היום הזה. וואלען זיא אבער מאל היער גייסטליכען פארשטאנד פארוועגדען, זא איז בייא דען פאריגען שוין דיא תשובה דארויף געגעבען. און וואס זאל איך זאגען פון דיא נביאות, וואו נביאות געזאגט וועט פון איינע גרויסע פארוויסטונג דער וועלט, באלד דער נאך איינע גוטע צייט קומען זאל פאר ישראל, און אלע אומות ווערין תשובה טהון.

שמואל: וואו שטיין וואויל דיא זעלביגען ווארטען?

מנחם: ישעיה ל"ד, א', ב', ג', ד', שטייט אלזא געשריבען, "קרבו גוים לשמוע ולאומים הקשיבו תשמע הארץ ומלואה תבל וכל צאצאיה כי קצף לה' על כל הגוים וחמה על כל צבאם החרימם נתנם לטבח. וחלליהם ישלכו ופגריהם יעלו באשם ונמסו הרים מדמם ונמקו כל צבא השמים ונגלו כספר השמים וכל צבאם יבול כנבול עלה מגפן וכנבלת מתאנה."

שמואל: אין דעם טייטשען לעזען מיר היער אלזא, קומט הערבייא איהר פעלקער אום צו הערען, און איהר קעניגרייכע פארנעמט, דיא ערד און איהרע פולהייט וועט הערין, דיא וועלט און אלע איהר אויסגאנג, דען דער גרויסע צארן גאטעס איז איבער אלע פעלקער, און גרויסשאפט איבער אלע איהר העער, ער האט זיא פארוויסטעט, ער האט זיא איבער אנטווארטעט צו דער שלאגונג. און איהרע דער שלאגענע ווערין אוועק געווארפען ווערין, און פון איהרע טויטע לייבער וועט איין געשטאנק אויף גיין, און דיא בערג טטערין צו גייןפון איהרע בלוט, און אלע הערערע פון הימעל ווערין צו גיין, און דיא הימעל ווערין צו געוויקעלט ווערין, גלייך אלס איין בוך, און אלע איהר העער ווערין פאר וועלקען, גלייך אלס

דאס בלאט פון ווין שטאק פאר וועלקט, און גלייך אלס איין פייג פאר וועלקט פון פייגען בוים.

מנחם: נון זעהט, אהובי אחי, דיזע פאר וויסטונג אלער אומות איז נאך נימאלס געשעהין, אלזא מוס עס נאך אין צו קינפטיגען געשעהן. דרויף פאלגט ישעיה ל"ה דיא נחמה, דיא זיך נאך דער פולבראכטער ראכונג גאטעס וועט בגינען, נחת און פריידען לוסט בדברי הגוף, דער נאטירליכען זאכען, און רוחניות, גייסטליכער וייזע, דיא שכינה וועט ווידער וואינען אונטער ישראל, וויא איהר דאס אלעס זעלבער לעזין קענט אין דעם קאפיטעל, דארינען אויך דער לעצטע פסוק אלזא בעשליסט, "ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם ששון ושצחה ישיגו ונסו יגון ואנחה."

שמואל: דער לעצטע פסוק איז אלזא פארטייטשט, און דיא ערלייזטע גאטעס וועריןווידערקעהרען, און זיא ווערין נאך ציון קומען מיט געזאנג, און איינע אייביגע פרייד וועט אויף איהר קאפף זיין, וואננע און פרייד ווערין זיא גרייכען, אבער בעטריבניס און זייפצונג ווערין וועק פליהען. איך זעהע אויך דיא הערליכע נחמות אין דיזען גאנצען קאפיטעל.

מנחם: אלס נון דיא אומות ווערין געשטראפט זיין, גלייך דער נביא אין פאריגען קאפיטעל געזאגט האט, דאס אבער נאך ניט ערפילט איז, וועט קיין טרויריגקייט מער בישראל זיין. דיא וויסטענייא און דיא דארי ערטער ווערין זיך דריבער ערפרייען, און דיא ווילדעניש וועט זיך לוסטיג מאכען, און זיא וועט בליהען אלס וויא איין ליליע. וויא אין דיזען קאפיטעל א', שטייט. אלזא שרייבט אויך ירמיהו הנביה סימן כ"ה פסוק ל' ל"א ל"ב ל"ג, יהוה ממרום ישאג וגו'.

שמואל: דיזע פסוקים וויל איך אלזא באלד אויף טייטש לעזין. דוא זאלסט דען אלע דיזע ווארטע צו זייא נבואות זאגען. גאט וועט שרייען פון דען הויכען הימעל, זיינע שטיממע ערהייבען אויס דער וואהנונג זיינער הייליגקייט, ער וועט הידד שרייען קייגען אלע דיא איינוואהנער דער ערדען. דאס כעשרייא קומט ביז אם ענדע דער ערדע, דען גאט האט איין צאנק מיט דיא פעלקער, ער וועט רעכט האלטען מיט אלעס פלייש, דיא רשעים האט ער איבערגעבען צו דעם שווערט שפריכט גאט. אלזא זאגט גאט דער העערשארען, איין בייזעס גייט אויס פון איין פאלק צום אנדערן, און איין גרויסער שטורם וועט ערוועקט ווערין פון ענדען דער ערדע. און דיא ערשלאגענע גאטעס, זיא ווערין אן זעלביען טאג ליגען פון דאס איינע ענדע דער ערדע, ביז צום אנדערן ענד דער ערדע, זיא ווערין ניט בעקלאגט, נאך אויפגענומען, נאך בעגראבען ווערין צום מיסט הויפען אויף דען ערדבאדען ווערין זיא זיין.

מנחם: נון זאלכע פארוויסטונג און פארדערבונג אלער אומות איז נאך נימאלס געשעהען, און איז אלזא נאך צו קינפטיג, און דאפון זאגט אויך צפניה נבואות, ווען גאט דא זעלבסט ג', ח', זאגט, "לבן חכו לי נאם ה' ליום קומי לעד כי משפטי לאסוף גוים לקבצי ממלכות לשפך עליהם זעמי כל חרון אפי כי באש קנאתי תאכל כל הארץ.

שמואל: דיזער פסוק איז אלזא פארטייטשט, דרום זייט מיינער האפפען שפריכט גאט, תום טאג אלס איך מיך אויף מאך צום רויב, דען מיין רעכט איז, דיא פעלקער צו פאר זאמלען, דיא קעניגרייכען בייא איין אנדערן צו ברענגען, אום איבער זיא מיין גרים צארן, דיא גאנצע היציגקייט מיינעס צארן, אויס צו גיסען, דען דאס גאנצע לאנד וועט דורך דאס פייער מיינער ראכונג פארברענט ווערין.

מנחם: היער זעהט נון דאך, אהובי אחי, דאס ניט געהאנדעלט וועט וועדער פון חרבן בית ראשון, נאך פון חרבן בית שני. דען דא איז דער צארן גאטעס ניט אויס געגאסען ווארען אוף דיא גוים, און אויך דיא פארזאמעלטע ממלכות, נייערט אויף ישראל אליין. דרום מוס דיזע נבואה נאך צו קינפטיג ערפילט ווערין. דארויף פאלגט פ', ט'. "כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ה' וגו'."

שמואל: אין טייאשען הייסט עס אלזא, דען געוויסליך ווער איך צו דיא פעלקער איינע קלארע שפראך קעהרען, אום דאס זיא אלע דען נאמען דעס גאטעס אן רופען, דאס זיא אים דינען איינערלייא ווייזע. פון דער זייט דעס באך כוש ווערין מיינע ערנסטע אן בעטערס, מיט דער טאכטער מיינער פארשפרייטע, ברענגען צו פיהרען מיינע געשענקע.אן

דען זעלביגען טאג וועט איהר ניט פארשעמט ווערין פון וועגין אלע דיינע ווערקען, דאמיט דוא קייגען מיר געזינדיגט האסט, דען דא ווער איך פון דיר הין וועק נעמען דיא פרייד דיינער שטאלציגקייט, און וועסט דיך ניט ווייטער מער ערהייבען, אום מיינעס הייליגען בערגעס ווילען, נייערט איך ווער צווישען דיר איבערלאסען איין עלענד און ארם פאלק, דיא ווערין זיך אויף דען נאמאן גאטעס בעשיצען. דיא איבערגעבליבענע פון ישראל זיא ווערין קיין אונרעכט טהון, נאך קיין ליגען שפרעכען נאך מיט איהר מויל וועט קיין בעטריגליכע שפראך געשפראכען ווערין, זונדערן זיא ווערין ווײדען און נידער לאגערן, און קיינער וועט זיא ערשרעקען. זינגען פרייליך דוא טאכטער ציון, יוכצע ישראל, זייא פרייליך און שפרינג אויף פאר פריידען פון גאנצען הערצען דוא טאכטער ירושלים, גאט האט דיינע שטראף הין וועק גענומען, ער האט דיינע פיינדע אויז גיראמט, גאט קעניג פון ישראל, איז צטישען דיר, דוא ווערסט קיין בייז ניט מעהר זעהן.

מנחם: עס איז ניט נייטיג דיא גאנצע נבואה צו לעזען. מיר זעהן קלאר, וייל דיא גרויסע פארוויסטונג אלער אומות נאך ניט געשעהין איז, זא איז דיא גוטע צייט, דיא דארויף פאלגען זאל, אויך נאך ניט ערפילט, און מוס אין צוקונפט ערפילט ווערין. דיא שונאי ישראל זייען אויך נאך ניט אויס גערײמט ווארען אין צייט פון בית שני, און ישראל האט בייזעס מעהר אלס צו פיל געזעהין. היער זאגט צפניה נבואות פון אויסרייימונג דער פיינדע ישראל און דאס ישראל קיין בייזעס מעהר זעהען זאל, עבען וויא אויך אין ישעיה נ"א, כ"ב געשריבען שטייט, "כה אמר אדניך ה' ואלהין יריב עמו הנה לקחתי מידך את כוס התרעלה את קבעת כוס חמתי לא תוסיפי לשתותה עוד."

שמואל: דאס הייסט אויף טייטש, אלזא זאגט דיין האר גאט, און דיין האר, דער דיינעס פאלקעס געצאנקט צאנקען וועט, נון איך האב דען בעכער דער פערטוימלונג אויס דיינע האנד גענומען, דען הייפען דעס בעכערס מיינעס גרימצארן וועסט דוא ווייטער ניט מעהר טרינקען.

מנחם: איך מיינע יא וואול מיין ליבער ברודער, ירושלים האט אין חרבן בית שני דען הייפען דעס בעכערס פון גאטעס גרימצארנ נאך פיל מעהר געטרונקען, אלס בחרבן בית ראשון. דארום מוס נאך איינע צייט צו קינפטיג זיין, דא הקב"ה דען זעלביגען וועט אויס איהרע האנד נעמין, דאס זיא איהן ניט מעהר טרינקען.

שמואל: איך זעהע וואול דאס אויס ספרי הנביאים דיא זאכע גאנץ קלאר איז, לאסט אונס נון אויף דיא כתובים קומען, און זעהין וואס דארינען ענטהאלטען איז פון דיזע זאכען.

מנחם: מיר וואלען אויף שלאגען תהלים ע"ב, ווען איז וואןל דאס ערפילט, וואס אין פסוק י"א שטייט, "וישתחוו לו כל מלכים כל גוים יעבדוהו?"

שמואל: דאס לעזען מיר אויף טייטש אלזא, און אלע קעניגען ווערין זיל קעגען איהם נידער ביקען, אלע פעלקיר דיא ווערין איהן דינען. אליין דיא גלחים זאגען דאס זייא ערפילט. דען משיח זייא געקומען אין בית שני, און דיא קעניגע ביקען זיך קעגען איהם, און דיא פעלקער דינען איהם.

מנחם: וואו ביקען זיך דען קעגען איהם אלע קעניגע, וואו דינען איהם אלע פעלקער? דא זייען דיא מלכי ישמעאלים, דיא מלכי פרס, דיא קעניגע אין טאטערן לאנד, און פיל מלכים אין אינדיא, און פיל אומות אין דער וועלט, פון וועלכע דיא גלחים ניט זאגען קענין, דאס זיא זיך קעגען משיח ביקען, אדער איהם דינען, מיר גייען ווייטער און שלאגען דען דניאל אויף, נעמליך אין ז', דא פינדען מיר י"ג, י"ד אלזא געשריבען, "חזה הוית בחזוי ליליא וארו עם ענני שמיא כבר אנש אתה הוא ועד עתיק יומיא מטה וקדמוהי הקרבוהי. ולה יהב שלטן עלם די־לא יעדה ומלכותה די־לא תתחבל."

שמואל: דאס הייסט אויך טייטש, אויך האב איך געזעהין אין דען שיין דעס נאכט, און נון דא קאם איינער מיט דען וואלקען דעס הימעלס גלייך אלס איין מענשען זון, און ער קאם צו דען אלטען דער טאגע, און זיא האבען איהם פאר

דעמזעלביגען נאהנט גיבראכט. און עס וואורדע איהם גיגעבין געוואלטיגקייט און ווירדיקייט, און דאס קעניגרייך און אלע פעלקער קעניגרייכען און פארענדערט שפראכען זאלין אים דינען, זיין גיוואלטונג איז איין גיוואלטונג דיא זאל ניט אב געטון ווערין, און זיין קעניגרייך זאל ניט פארדארבען ווערין.

מנחם: ווייטער שטייט כ"ז "ומלכותא ושלטנא ורבותא די מלכות תחות כל שמים יהיבת לעם קדישי עליונין מלכותה מלכות עלם וכל שלטניא לה יפלחון." וועלכעס אין אייערע עשרים וארבע אויף טייטש אלזא הייסט: אבער דאס קעניגרייך, און דיא הערשאפט, און גרויסהייטען דער קעניגרייכע אונטער דען גאנצען הימעל וועט גיגעבען ווערין דעם פאלק דעס הייליגען אייבערשטען, וועלכעס קעניגרייך איין אייביג קעניגרייך זיין וועט, און אלע הערשאפטען ווערין איהם געהארזאם זיין. דאס איז דאך ניט געשעהן אין דער צייט, דא בית ראשון גישטאנדען האט, פיל וויניגער ביז אויף דיזען טאג. דרום מוס עס נאך אין צוקינפטיגער צייט געשעהן, און צוואר אין זאלכער צייט, דא נאך אומות און מלכיות אונטער דען הימעל זיין ווערין, דיא דען משיח און דעם פאלק דעס הייליגען אייבערשטען און דינען און געהארזאם זיין ווערין, און דיזעס וועט געוויס איינע הערליכע גאולה זיין.

אלזא אהובי אחי האב איך קלאר בעוויזען, דאס בייא ווייטען נאך ניט אלע דינגע ערפהלט זיין, דיא אין תורה, נביאים וכתובים, פון דער גאולה און קיבוץ הגליות געשריבען שטיין.

שמואל: נון אדוני מורי ורבי אלה' יישר כחן וחילך פאר אלע אייערע טרחה, דאס איהר האט אייך זא מטריח גיוועזין מיר אלעס אויס דעם שורש צו בעווייזען. נון בין איך ניט מער מסופק, דאס נאך אלס געשעהין וועט, וויא מיר מכ"ת אויס תורה, נביאים וכתובים גרינדליך בעוויזען און פאר אויגען געלייגט האבען.

## פרק חמישי

## מדבר על החרטה על האמונה שלמה וגם על רפואת הנפש

דאס פינפטע קאפיטעל האנדעלט פון דער חרטה, אדער רייע, און פון וואהרען גלויבען, און פון רפואת דער נשמה.

שמואל: נון וויל איך בעזרת השם כל ימי חיי דען יצר הרע זובח זיין בבטחון ובאהבת הש"י דערווייל מלך המשיח איז אום אונזערע זינדען ווילען צערשטויסען ווארען, ישעיה נ"ג ה'. אך מיר ווארען יוא אלע פארערט וויא דיא שאף, איין יעגליכער קערטע זיך אויף זיינעם וועג נאך זיין יצר הרע, אוי לנו כי חטאנו. אבער הש"י האט דיא שטראף אלער אונזערער זינדען אויף איהם, אויף דעם משיח, באגטגנעט און דורך זיינע ביילען זענען וויר געהיילט ווארען. זאלטען מיר דען איצונד ניט גאט רעכט ליב האבען בכל לבבנו ובכל נפשנו, און אלע עבירות שונא האבען בשנאה גמורה. נון וויל איך מהיום והלאה דיא תפלה בכוונה גדולה טהון. "ויהי רצון מלפניך יהוה אלהי ואלהי אבותי שתרגילני בתורתך ודבקני במצותיך ואל תביאני לא לידי בזיון ואל ישלט בי יצר הרע והרחיקני מאדם רע ומחבר רע ודבקני ביצר טוב ובמעשים טובים וכוף את יצרי להשתעבר לך וכו'." דען נון זעהע איך ממאי טעמא ווארום דיא אנשי כנסת הגדולה דיעזע תפלה האבען מתקן געוועזען.

מנחם: גאנץ רעכט מיין ליבער ברודער, זה הדרך אשר תלך בה אין ספר עיר הגבורים דף י"ט ע"ד שטייט. "אין דברי התורה מתקיימין אלא בממית עצמו הוא שממית כח תאותו." דיעזעס איז זא פיל געזאגט, ניעמאנד איז דיא תורה רעכט מקיים נייערט דער דא זיך זעלבסט ממית איז, כלומר דער דא ממית איז דען כוח פון זיינעם יצר הקע. און אלזא מוס מאן דען יצר הרע צום בית המדרש פיהרען, וויא אין לקח טוב שטייט, זא ווערין מיר אלע אונזערע עבירות שונא

האבען בשנאה גמורה וועն מיר גאט ליעבען בכל לבנו ובכל נפשנו, וויא דער פסוק זאגט אין תהלים צ"ז, "אהבי ה' שנאו רע."

שמואל: דאס הייסט אויף טייטש, איהר ליב האבער גאטעס זייט פיינדען דאס בייזע.

מנחם: מאן קאן אויך הש"י בעזרתו ליעב האבען בכל לב ונפש וועו מאן ביראת שמים טועם איז און זעהט דאס גאט זא גוט און פריינדליך איז, ווייל ער דיא שטראף אונזער אלע עבירות דיא קיין בן אדם האט ערטראגען קענען, אויף זיין משיח האט באגעגנעט דאס מיר דורך זיינעביילען געהיילט ווערין.

שמואל: איך בין בליספק מאמין, דאס דיא שכינה מיט משיח גאר פעסט און גנויא מקושר איז און מיט איינאנדער באהעפט דערווייל קיין מענש העט זונסט געקענט ערטראגען אלע אונזערע קראנקהייטען און פייניגונג וועגען דען שטראפען פון דער תורה. ער אבער, דער משיח, האט זיא אלע געטראגען דאס אונס דורך זיינע ביילען און וואונדען געהיילט און געהאלפען ווערין זאל, כדי מיר קענטען מקיים זיין דיא געבאטע גאטעס בלב חדש ובנפש טהורה וועלכעס איינע נייע בריאה גאטעס איז וויא אין תהדים נ"א פסוק י"ב שטייט. און ישראל וועט געהאלפען דורך גאט זעלבסט מיט איינע אייביגע הילפע, וויא מיר פארהין אין ספר ישעיה ילקוט געלעזען האבען.

מנחם: זא שרייבט רש"י דאפון, אין פירוש איבער דניאל ח' י"ד דא דער פסוק זאגט "ונצדק קדש" שרייבט ער "יגאלו ויושעו תשועת עולמים במלך המשיח." דאס הייסט ישראל וועט ערלייזט און געהאלפען ווערין דורך איינע אייביגע ערלייזונג דורך דען קעניג משיח. און וויא מיר דען מלך המשיח נענען "משיח צדקנו." זא נענט איהם אויך דער פסוק בפירוש "יהוה צדקנו." וועו ער שפריכט אין ירמיה כ"ג. "בימיו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח וזה שמו אשר יקראו יהוה צדקנו."

שמועל: אין טייטשען לעזע איך עס אלזא, אין זיינען טאגען וועט יהודה געהאלפען ווערין, און ישראל וועט זיכערליך וואונען, און דאס איז זיין נאמען דאס איהר איהם רופען וועט, גאט (איז) אונזער רעכטפערטיגער.

מנחם: וואס איז נייטיג דאס מאן היער דאס ווארט (איז) צוזעצצט אין דען נאמען פון משיח. דאס מאן איהם רופען רעכטפערטיגער. איין אנדערס איז וואו דער פסוק אן דאס ווארט (איז) ניט קענטע פארשטאנדען ווערין, לאפוקי אבער היער קאן מאן דען משמעת הפסוק וואול פארשטיין, נעמליך דאס מלך המשיח הייסט, גאט אונזער רעכטפערטיגער "משום דביקת השכינה עם הגוף ונשמה שלו." גלייך וויא דער בן אדם הייסט נפש היה פון וועגען דיא דביקת הנפש עפ הגוף שלו. מיר האבען קיין רשות עטוואס מוסיף צו זיין, דאס דער משמעת הפסוק ניט זעלבסט מיט זיך ברענגט, זונסטען וועו מאן בעשטראפט, און ליגענהאפט בעפונדען משלי ל'.

שמואל: קאן אבער דער פסוק ניט אלזא פארשטאנדען ווערין, דאס נעמליך הש"י וועט דען משיח נענען "צדקנו" דאס משיח ניט הייסט יהוה זונדערן אליין צדקנו און יהוה זייא דער קורא דער דא נענע צדקנו?

מנחם: דיא טעמים נעמליך מרכא טפכא מרכא פסיק וסלוק דיא אין דער ארדנונג זא נאך אנאנדער פאלגען וויא מאן אויך היער אין פסוק זעהט, דא שטייט נעמליך אלזא, וזה־שמו אשר־יקראו יהוה | צדקנו. געבען דיא הבנה דאס יהוה צדקנו דבוק איז אדער צוזאמען געהערט, גלייך וויא שמות י"ז פסוק ט"ו דערגלייכען צו זעהען, ויקרא שמו יהוה נסי ער הייסט זיין נאמען ה' נסי דא בעפינדען זיך עבען פאלס זאלכע טעמים וויא היער ירמיה כ"ג, וזה שמו אשר־יקראו יהוה | צדקנו. און וויא אין יחזקאל אין לעצטען קאפיטעל און פסוק שטייט. ושם־העיר מיום יהוה | שמה. דא געהערט יהוה שמה צוזאמען. ווייל נון דיא טעמים עבען זא ירמיה כ"ג אויך שטיין מוס יהוה צדקנו צו זאמען געהערט דאך מוס מאן דאס ווארט (איז) פארשטיין דאבייא, נעמליך שמות י"ז דאס עס הייסט, גאט איז דארט, דען עס האט זונסטען קיין הבנה ניט וועו מאן זאגען זאל דער מזבח זאל הייסען יהוה און דיא שטאט זאל הייסען יהוה וגו', אבער היער ירמיה כ"ג קאן

דער נאמען פון משיח גאר וואול פארשטאנדען ווערין אן דאס ווארט (איז), דאס ער נעמליך הייסט גאט אונזער רעכטפערטיגער, משום דביקת השכינה כנ"ל. עס האבען אויך שוין רז"ל געלערנט. דאס דער מלך המשיח וועט גענענט ווערין "יהוה." וויא מיר זעהין אין איכה רבתי דף ס"ח. דא וועט געפרעגט: "מה שמו של משיח", דארויף איז ר' אבא בר כהנא משיב און שפריכט: "יהוה שמו שנאמר וזה שמו אשר יקראו יהוה צדקנו." וכמו כן שרייבט אויך ר' אלש"ך איבער ירמיה ל"ג בדף צ"ח ע"ב וויא איהר היער לעזען קענט.

שמואל: "ומי יהוה אשר יקרא לירושלים לישבה כמה דאתמר דברו על לב ירושלים וקראו אליה הלא הוא יהוה צדקנו הוא מלך המשיח כד"א וזה שמו אשר יקראו יהוה צדקנו והוא ע"י הנהגתו במשפט ובצדקה."

מנחם: דיעזעס זייט איהר וואול מבין דאס עס זא פיל הייסט, נעמליך דער אלש"ך פרעגט איין קשיא. ווער וועט דער זיין דער צו ירושלים רופען וועט אום זיא צו טרייסטען, וויא געשריבען שטייט אין ישעיה מ', שפריך אויף דאס הערץ ירושלים, איז ער ניט גאט אונזער רעכטפערטיגער? איז ער ווידער דארויף משיב, דער זעלביגע איז דער מלך המשיח, וויא געשריבען שטייט. "וזה שמו אשר יקראו יהוה צדקנו." און אלזא ערקענט ר' אלש"ך, דאס משיח ניט אליין הייסט, זומדערן אויך באמת איז "יהוה צדקנו". וועלכעס ער איז וועגען זיינע רעגירונג אין רעכט און רעכטפערטיגקייט.

שמואל: איך האב אויך געהערט, דאס דיא צדיקים און ירושלים אויך גענענט ווערין בשמו יהוה.

מנחם: ניט לאו דוקא, הערט איין מאל וואס דער אלש"ך דאפון שפריכט אין זיין פירוש על ישעיה מ"ב דף ל"ו ע"ג. "ואפשר שלא כל סוג הצדיקים יקראו בשמו שאם כן מה יתרונו של משיח שיקרא כה האם גרע מכל צדיק בישראל." דיעזעס איז טייטש, עס איז ניט מעגליך דאס אלע צדיקים צוזאמען זאללען מיט דען נאמען גאטעס גענענט ווערין. דען ווען דאס זא ווערין, וואס העט דען דער משיח פאר איין יתרת דאס ער אלזא גענענט וועט. זאל ער דען גרינגער זיין פון אלע צדיקים בישראל עכ"ל. צוואר וועט ירושלים גענענט "יהוה שמה", אבער דאס קאן ניט אנדערשט פאר שטאנדען ווערין אלס "גאט איז דארט" כנזכר.

שמואל: עס האט יאו אויך דיא שכינה גערועט אויף אברהם און משע און מיר האבען אין ילקוט געלעזען, דאס דער משיח וועט העכער זיין אלס אברהם ומשה, און דא ישראל איז ערלייזט ווארען דורך משה און אהרן און דורך אנדערע בני אדם זענען זיא דאך דערנאך ווידערום קנעכטע געווארען, ומשום זה וויל הקב"ה זיין פאלק בעצמו ערלייזען דאס זיא ניט ווידער קנעכטע ווערין. "שנאמר ישראל נושע ביהוה תשועת עולמים." און רש"י זאגט דאך "יושעו תשועת עולמים במלך המשיח."

מנחם: דיא קשיא איז גוט, אליין דער תרגום איז זיא מתרץ. דען אין תרגום ישעיה מ"ה וועט דער פסוק "ישראל נושע ביהוה תשועת עולמים" אלזא מתורדם: "ישראל יתפרק במימרא די"י פורקן עלמא."

שמואל: אכן נודע הדבר, ממילה נוא איז ביהוה זא פיל אלס במימרא דיהוה, און אויך זא פיל אלס במלך המשיח כפירוש רש"י און איז אלזא הכל חר.

מנחם: כמו כן פינדען מיר אין תרגום שופטים ו' י"ב י"ג דאס "מימרא די"י" זא פיל איז אלס "שכנתא די"י." דען דא זעלבסט שטייט: "ואתגלי ליה מלאכא די"י ואמר ליה מימרא די"י בסעדך גבר חילה. ואמר ליה גדעון בבעו רבוני ואית שכינתא די"י בסעדנא ולמא ערענא כל דא." דיעזעס הייסט, דא ערשיינט איהם (דעם דגעון), דער ענגעל גאטעס און זאגט צו איהם "מימרא די"י" איז דיין הילף דוא העלד. און גדעון זאגט צו איהם אך מיין האר, ווען שכנתא די"י אונזער הילף איז ווארום איז דען דאס אלעס אונס ווידערפארען. דא זעהט מאן נון דארויס, דאס אלעס איינס איז, דען דער מלאך זאגט צו איהם "מימרא די"י בסעדך" איז ער משיב "ואית שכנתא די"י בסעדנא.

שמואל: מוא משיח איז יוא בן דוד, רק מימרא די"י איז בלי ספק אלזא דובק עס הגוף ונשמה שלו דאס עס הייסט

ישראל נושע ביהוה" אדער "במימרא די"י" דאס איז במלך המשיח, און דער הייסט אלזא בפשוט "יהוה צדקנו." גאט אונזער רכעטפערטיגער, און וואו אין פסוק פון דער גאולה גערעט וועט, מוזען מיר בייא דעם פשט בלייבען ווען אפשר איז, דען זונסטען קענען אונם דיא גלחים אין אלע נבואות מבלבל זיין, בעזונדערס ווער דאפון ניט ווייס וואס במקרא געשריבען שטייט, וויא מיר פארהין אויך אלבערייט שוין םיל מאל געלערנט האבען.

מנחם: דרום אוז ישראל געהאלפען, ווייל ער וועט ערלייזט דורך גאט. דברים ל"ג פסוק כ"ט, דאפון שטייט אויך אין ילקוט חלק ב' תקע"ז. "א"ר אמי משה מקלס לישראל אשריך ישראל מי כמוך עם נושע ביהוה, ליהוה אין כתיב כאן אלא ביהוה לאדם שיש לו מאה של מעשר שני מהו עושה נותן מעות ופודה אותה כך ישראל כביכול במה הם נפדים בהקב"ה עם נושע ביהוה." אויף טייטש הייסט עס, ר' אמי האט געזאגט, עס טהוט משה דאס פאלק ישראל פרייזען וואול דיר ישראל, ווער איז דיר גלייך איהר זייט איין פאלק ערלייזט דורך גאט, (עס איז גלייך) איין מענש, וועלכער איין מאס פון מעשר שני האט, וואס טהוט ער, ער גיבט געלט און לייזט עס דאמיט אויס, אלזא איז אויך ישראל כביכול. וואו דורך ווערין זיא ערלייזט? דורך הקב"ה. דען משה רבינו ע"ה האט געזאגט, איין פאלק ערלייזט דורך גאט, דברים ל"ג פסוק כ"ט.

שמואל: נוא זאג איך בשמחה: "שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד. ברוך שם כבודמלכותו לעולם ועד ואהבה את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נמשך ובכל מאודך. "

מנחם: אגב גררא ווילען איך אייך וואס פון קריאת שמע זאגען דאמיט איהר זעהען זאלט וואס פאר סודות גדולות דראן הענגען, און זיין בעו"ה ווייניג דיא רעכטע כוונה האבען אדער וויסען וואס דער רעכטע סוד איז פון דיא תלת שמהן אדער דיא דרייא נאמען פון הקב"ה דיא דרינען פאר קומען, הערט איינמאל צו וואס דער זוהר שרייבט בפרשת בא דף י"ח, עמוד ג' ד' דפוס קרימונא "הא תלת שמהן אינון היך אינון הד ואע"ג דקרינן אחד אינון חד אלא בחזיונא דרוח קדשא אתיידע ואינון בחיזו דעינו למנדע דתלתא אלון אחד ודא איהו רזא דקול דאשתמע קול איהו חד ואיהו תלתא גוונין אשא ורוחא ומיא וכלהו חד ברזא דקול ולא אינון אלא חד אוך הכא יהוה אלהינו יהוה אינון חד תלתא גוונין דאינון חד." דאס הייסט אויף טייטש, נוא דיא זעלביגע דרייא נאמען: "יהוה אלהינו יהוה" וויא זיא זענען איינס, און וויא מיר אויך לעזען אחד, זענען זיא איינס. און דיא זעלביגע זענען דורך בעווייזונג פון רוח הקודש צו ערקענען, און זיא זענען דורך דעם געזיכט דער אויגען צו ערקענען דאס דיעזע דרייא זענען איינס. און דאס איז דער סוד דער שטים דאס געהערט וועט. דיא זעלבע שטים איז איינס, און איז דרייא גוונן, פייער, און לופט, און דאס וואסער, און דאס אלעס איז איינס. אלזא אויך היער "יהוה אלהינו יהוה" דיעזעס זענען איינס, דרייא גוונין וועלכע איינס זענען, אין זוהר בראשית דף י"ח ע"ג שטייט. "יהוה אלהינו יהוה אלין תלת דרגין לקבל רזא דא עלאה בראשי"ת בר"א אלהי"ם." דיעזעס הייסט "יהוה אלהינו יהוה." דאס זענען דרייא דרגין אדער שטופען קייגען דעם גרויסען סוד "בראשי"ת בר"א אלהי"ם."

שמואל: נוא בין איך אלזא מאמין וואס דיא תורה הקדושה אונס געשריבען האט, און וואס דיא חכמים געזאגט האבען פון אבינו שבשמים און פון מימרא אדער שכנתא און פון רוח פיו שלו, דאס הכל איין מציאה והוית איז אין אונטער שיידליכען דרדין אודער גוונן. קענען מיר על פי עניות דעתנו דיעזען סוד גדול של ה' ורזא עלאה וויא אין זוהר שטייט, ניט אויס דעם שורש פערשטיין, דארפען מיר עס משום זה ששכל האנושי יש בנו ניט פערווערפען. "ועתה ידעתי בידיעה האמיתי" דערוויל זיך האמונה והבטחון והאהבה מחדש איז בנפשי דאס דיא אמונה שלמה איין מתן אלהים איז אין איינער זייל, דאדורך איך הכל מאמין בין וואס הש"י ע"י עבדיו הנביאים גערעט האט, וויא אין ספר לקח טוב אין דער צעהנטען שאלה שטייט. ובפרט דאס איך מאמין בין פון ייחוד מציאתו, און פון דער גאולה וקבוץ הגליות, און פון אלע עקרים. און איך ערפארע דאס דאבייא אויך איז הבטחון מתנה נתונה מאת אלהים, דאדורך איך מיך בלב נשבר ונדכא מנחם בין סליחת עוונותי וחיי עולם הבא ניט על רחמי ה' ועל זכות המשיח. און דאס ער אויך בעולם הזהוועט מספיק זיין דיא ספוקנו, ער וועט זיינע הענט אויף טהון און אלעס פארזעטיגען גאר זיין ווילען, וויא ער ווייס דאס גוט

איז. דאבייא מוזען מיר זיין רצון טהון נאך זיינער תורה, און מתפלל זיין פאר איהם בתחנון ובשפלות.

מנחם: וואלט איהר אבער אויך ווייטער בהבלי עולם הזה ובתענוגי העולם לעבען אדער דיא זעלביגע מיט מאכען?

שמואל: חלילה, מיין בטחון ברענגט מיך דאהין דאס איך מיין לייב מרחיק בין מהבלי העולם, און בין עס מקרב צו דער תורה און עבודת ה' באהבה, דאס איך הקב"ה מברך בין על הטובה ועל הרעה כאשר יקרה אותי, און וויל הכל בשמחת ובגילת לבי אויף נעהמען, וויא איך פארהין געהערט האב אויס דען ילקוט דאס דער משיח האט כל היסורים בגילת לבו ובשמחת לבו אויף זיך מקבל געוועזען כדי שלא יאבד אחד מישראל. און מהיום והלאה וויל איך זאגען לערנען בכל לבבי. "מאי דעביד רחמנא עבד לטב." אלעס וואס גאט טהוט דאס טהוט ער צום גוטען.

מנחם: קענט איהר דען זא מיינע אהבה גדולה צו גאט וויא איהר איצונד געזאגט האט פון אייך זעלבער האבען?

שמואל: אך ניין, דיעזע אהבה איז ג"כ מתנת ה' דורך וועלכע איך גאט ליב האט פון וועגען זיין חסד איבער אונס, און דאבייא איז איינע זאלכע מורא, דערגלייכען איין פרום קינד האט דאס עס זיין ליבען פאטער ניט מעכטע מרגז זיין. אין דיעזער אהבה און מורא איז איינע רעכטע הדבקות דאס איך גערין אין גאטעס וועגען גיין וויל, דען ער איז חנון ורחום וישר קייגען זיינע בריות, דרום וויל איך מיך מדבק זיין אן איהם כדי איך אלזא הייליג ווערין, און וויל עולה זיין למדרגה קדושה שנאמר קדושים תהיו כי קדוש אני ה'. און בין מקבל עלי באהבה דיא תורה ומצוה דאס איך אויך ליב האבע כל האדם שהוא מעשי ידיו של הקב"ה און וויל גערין איינעם יעגליכען וואול טהון נאך מיינעם ווילען וואס מיר צוווידער איז דאס וויל איך איינעם אנדערן אויך ניט טהון, וויא אונזערע חכמים געזאגט האבען. "מה דסני עלך לחברך לא תעביד." ווען מיר אויך גלייך איינער מיין דעם וגפש נעמין וואלטע, זא מעכט איך דאך בעזרת השם איינע אהבה האבען צו הקב"ה, און צו אלען מענשען און קיין עבירה טהון במזיד, זונדערן איך מעכט רעכט מקיים זיין דיא מצוה "ואהבת את יהוה אליך בכל לבבך ובכל נפשך." וויא חז"ל געזאגט דאס מאן על קדושת השם זיך זיין נמש זאל נעמין לאזען, פיל וויניגער וויל איך ווען מיר געלט מאנגעלט חוטא זיין, איך וויל אויך ניט פארלאנגען מיך נוקם ונוטר צו זיין, וויל אויך צו קיין בן אדם קנאה או שנאה האבען, וויא אין דער תורה שטייט: "לא תשנא את אחיך בלבבך וגו' לא תקום ולא תטור את בני עמך ואהבת לרעך כמוך אני ה'." און וואו איך אפילו מיין פיינד קאן איין טובה טהון, וויל איך זאלכעס בע"ה בכל לבי פועל זיין, ווייל מיר הש"י זאלכען חסד גדול געטהון האט, איך וויל אויך דאס עול הגלות באהבה הקב"ה טראגען ווייל משיח צדקנו דאס עול הברזל וועגען אונזערע עבירות האט אויף זיך באהבה מקבל גיוועזען. אך דאס דאך דיזעס כל אחד ואחד מבני ישראל מעכט באדענקען בכוונת לב און תשובה טהון בלב אמתי כדי שיגאל אתנו הקב"ה ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ במהרה בימינו אמן.

מנחם: "ברוך תהיה בשם ה' אשריך וטוב לך וברוך ה' אשר לא עזב חסדו ואמתו מעמו הרוצים לילך בדרכו." ליבער ברודער, איהר האט מיר זא איין שמחה געמאכט בדברים האלה ממש כשמחת בית השואבה, דען איך זעהע דאס איהר איין איש תם וישר ווערין וועט, און זייט ניט וויא אנדערע אחת בפי ואחת בלב. "אשריך על אשר לא תלך בעצת רשעים ערלי בשר ולב." דיא תמיד נאך גיין דען יצר הרע און תאות לבם, און זיין זיך דאבייא מנחם מיט איהרען משיח גער פאר איהרע עבירות געליטען האט, וויא יענע רשעים ופושעים בימי ירמיה הנביא געטהון האבען דיא דא געזאגט האבען ירמיה ז' י'. "נצלנו למען עשות את כל התועבות האלה."

שמואל: דיעזעס איז טייטש, מיר זענען גערעטעט, אום אלע דיא ווירדיקייטען צו טהון.

מנחם: און דאס רוב פון איהרע גלחים דיא דא וואול יודעים זיין איהרע מעשים הרעים און בייז לעבען, געבען איהנען סליחת העוונות בשם המשיח שלהם. זיא זענען וויא דיא פארצייטיגע נביאי שקר בישראל, פון וועלכע הקב"ה געזאגט האט דורך ירמיה הנביא סימן כ"ג פסוק י"ז: "אמרים אמור למנאצי דבר ה' שלום יהוה לכם וכל הלך בשררות לבו אמרו לא תבוא עליכם רעה." וויא הייסט עס אין טייטשען?

שמואל: אלזא, זיא זאגען שטעטיגליך צו דיא זעלביגע דיא מיך ערצירנען, גאט האט עס געשפראכען, איהר לייט וועט פרידען האבען, און איין יעגליכער דער זיך פירט נאך זיין הערצענס געדאנקען זאגען זיא, אייך וועט קיין בייזעס איבערקומען.

מנחם: און אין פ' י"ד שפריכט גאט: "ובנביאי ירושלים ראיתי שערורה נאוף והלך בשקר וחזקו ידי מרעים לבלתי שבו איש מרעתי היו לי כלם כסדם וישביה כעמרה."

שמואל: דיעזעס הייסט, אונטער דיא וואהר זאגערס פון ירושלים זעהע איך אבשייליכקייט, זיא טרייבען און קיישרייא, זיא גייען אום מיט פאלשהייט, און זיא שטארקען דיא מאכט דער איבעלטהעטער, דאס זיא זיך ניט באקעהרין, איין יעגליכער פון זיינע באזהייט, זיא אלע זיין מיר גלייך וויא סדום און איהרע איינוואוינערס גלייך וויא עמורה.

מנחם: און אלזא לערנען דיא לייט דאס זיא דיא יהודים שונא זיין זאלען און איהרע תקוה על הגאולה פארשפאטען, און לעבען אין אלער בייזהייט און שאלקהאפטיקייט אונטער אנאנדער. אל ורק איהר ספר האמונה, וועלכעס זיא "ברית החדשה" גענען, האט זיא דאס ניט זא געלערנט, זונדערן דען היפך.

שמואל: איך מעכטע דאך אבער אויך גערין דען רעכטען שורש וויסען וואס דער ברית החדשה איז, וואס עס פאר איין לערנונג אין זיך האלט, און וואס דאפון צו האלטען איז.

מנחם: דאפון וואלען מיר איין אנדער מאל ריידען, ווען מיר ווידער צוזאממען קומען ווערין אם ירצה הגוזר, וויל אונזער געשפרעך לעת עתה צימליך לאנג געווערט האט. נייערט לאזט אונס תשובה גמורה טהון ניט נור ביראה, זונדערן אויך בבטחון ובאהבה, זא ווערין מיר סלחת העונות באקומען. "על ידי משיח צדקנו, שנאמר ובחבורתו נרפא לנו." און דיא רפואה איז ניט אנדערש אלס סליחה עם התשובה וויא דער רד"ק מפרש איז איבער דיא ווארטע ירמיה ג'. "שובו ארפה כתיב בה"א והוא כמו באל"ף ענין רפואה על הסליחה דרך השאלה, וכן רפאה נפשי כי חטאתי לך כי כמו שמכת הגוף נרפאת ברפואה שעושין לה כן מכת הנפש והוא העון רפואתה הסליחה עם תשובה." דיעזעס איז טייטש, גאט זאגט אין ירמיה ג' פסוק כ"ב קעהרט ווידער איהר ווילדע קינדער, איך וויל אײרע ווילדיקייט היילען, דא איז דער רד"ק מפרש און זאגט, עס שטייט דאס ווארט "ארפה" מיט איינע הייא הינטען און איז גלייך אלס "ארפא" מיט איין אל"ף הינטען, דאס איז טייטש, היילען, און דורך דיא רפואה פארשטייט ער דיא סליחה, נאך דער ווייזע איינער געבארגטען ריידע, וויא למשל אין תהלים מ"א שטייט, היילע מיינע זייל דען איך האב קייגען דיר געזינדיגט. דען גלייך אלס דיא וואונדען אן לייב ווערין דורך רפואות געהיילט דיא מען דראן טהוט, אלזא וועט דיא מכה אן דער נשמה, וועלכעס איז דיא זינד, געהיילט דורך דיא פארגעבונג מיט תשובה. זא האבען מיר פארהין אויס יחזקאל גילערנט. נעמליך אויס פסוק ל"א אין ס' י"ח דאס דיא תשובה בעזרת השם איין לב חדש ורוח חדשה מאכט, דיעזעס גיהערט אויך צו דער רפואה, דען דאס וואר רפואה וואו קיין פארענדערונג און התחדשות איז. נוא אחי ידידי אבינו שבשמים וועט אונס מטהר זיין וויא במסכת יומא פרק יום הכפורים שטייט. "אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים שנאמר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתים." דאס הייסט, עס זאגט ר' עקיבא, גליקליך זייט איהר ישראל, פאר דעם איהר אייך רייניגט. און וואר רייניגט אייך? עס איז אייער פאטער אים הימעל, וויא געשריבען שטייט איך ווער ריין וואסער איבער אייך שפרענגען דאס איהר אייך וועט רייניגען. משיח צדקנו וועט אונס מטהר זיין. וויא דאפון שטייט אין בראשית קטנא. "אוסרי לגפן עירו וגו' זהו שכתוב עני ורוכב על חמור ועל עיר בן אתנות והוא מי שנוטע כל ישראל כשורק שנאמר ואנכי נטעתיך שורק. והיך הוא עושה כשנתאמר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל ממאותיכם וגו'." דאס איז טייטש, ער וועט בינדען אם ווין שטאק זיינע יונגע אייזעל (דיעזעס שטייט אין פרשת ויחי) דאס איז דערזעלביגע, פון דעם געשריבען שטייט אין זכריה ט', איין דעמיטיגער, איין רייטער אויף איין אייזעל, און בן־אתנות איין יונגע אייזלען. איבער דיעזען פסוק שרייבט רש"י, אלזא "א"א לפותרו אלא על מלך המשיח." און ער איז דער זעלביגע דער גאנץ ישראל פפלאנצט פאר דיא בעסטע וויין רעב,

ירמיה ב' פסוק כ"א. און וויא וועט ער עס מאכען? אלזא וויא אין יחקאל ל"ו פסוק כ"ה געשריבען איז, דען ווער איך ריין וואסער איבער אייך שפרענגען וכו'. און אלזא זעהין מיר דאס מיר במים טהורים זאלען גערייניגט ווערין. ע"י משיח צדקנו. צדקנו, דער דא הייסט אין ירמיה כ"ג : "יהוה צדקנו." און דורך זיין רוח וועט ער אונס אויך רייניגען, גלייך וויא דאזעלבסט אין יחזקאל ל"ו פסוק כ"ז אזוי פאלגט. "ואת רוחי אתן בקרבכם ועשיתי את אשר בחקי תלכו ומשפטי תשמרו ועשיתם." דאס איז, און איך ווער מיין רוח אין צווישען אייך געבען, און איך ווער מאכען דאס איהר אייך וועט פיהרען אין מיין איינזעטצונג, און זאלט מיינע רעכטע היטען און טהון. וואלט איהר אייך ניט גערין זא רייניגען לאזען אהובי אחי כדי איהר אויך לחיי עולם הבא קומען קענט?

שמואל: אך יוא, אדוני מורי ורבי, בכל לבבי ובכל נפשי.

מנחם: און דיעזעס וועט נון דער ברית חדשה זיין דאפון אין ירמיה ל"א פסוק ל"א און ווייטער אלזא געשריבען שטייט, "הנה ימים באים נאם יהוה וכרתי את בית ישראל ואת בית יהודה ברית חדשה וכו'." לעזט נור דיעזעס אויף טייטש.

שמואל: זיהע, עס קומען טאגע, שפריכט גאט, דאס איך ווער מאכען מיט דעם הויז ישראל, אונד מיט דעם הויז יהודה איין נייען בונד. ניט וויא דער בונד געוועזען איז וועלכען איך האב געמאכט מיט איהרע אבות וועז איך האב זיא בייא דער האנד גענומען אום זיא אויס צו פיהרען אויס מצרים וועלכען בונד זיא האבען צערשטערט. נייערט דאס זאל דער בונד זיין דען איך מאכען וויל, נאך דיזען טאגען מיט דעם הויז ישראל שפריכט גאט, איך ווער מיינע תורה צווישען איהנען געבען, און ווער זיא אין איהרע הערצען שרייבען, און איך ווער זיין איהר גאט, און זיא ווערין זיין מיין פאלק.

מנחם: הקב"ה און משיח צדקנו וועט אויך אונזער רעה זיין, צו וועלכען ישראל זאגט אין תהלים כ"ג פסוק ה'. "תערך לפני שלחן נגד צררי דשנת בשמן ראשי כוסי רויה." דוא טהוסט צו בערייטען דען טיש פאר מיינעס אנגעזיכט קייגען מיינע פיינדע, דוא מאכט מיין קאפף פעסט מיט אייל, מיין בעכער פליסט איבער מיט פולהייט. דיזעס איז געוויס צו פארשטיין "לאושר נפשי." נוא פון משיח האט רבי הלל געזאגט שכבר אכלוהו, דאס זיא איהם שוין העטען אוכל געוועזען און געגאסען בימי חזקיהו, וויא צו זעהען איז במסכת סנהדרין פרק חלק, וועלכעס וואול ניט דער אמת איז. נייערט ישראל זאלען איהן נאך אוכל זיין. און אן איהן זאלען מיר שמעקען און זעהען דאס גאט איז וואויל גוט, גליקליך איז דער מאן דער זיך אויף איהן טהוט פארזיכערן. דאס איז דער צו ברייטעטע טיש קייגען אונזערע פיינדע, און דער כוס רויה דאס זיך דיא קינדער ציון פאר לוסטען דורך איהרען קעניג, און זאגען צו אנאנדער. "אשריך ישראל מי כמוך עם נושע בא' יהי שם ה' מבורך. ברוך ה' אלהים אלהי ישראל עושה נפלאות לבדו. וברוך שם כבודו לעולם וימלא כבודו את כל הארץ אמן ואמן."

Copyright © 2012 Early Modern Workshop